Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
ץערפ ,שיקראמ

Mosḳṿe, 1943

סאג רעזדנוא פא כיוא טעוו נייז וועטמָאי א

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

פונ שנײ זיכ שפרײט די אומעטיקע פראכט,
אונ קינד-אונ-קײט — צו אָפּפער גרײט איז...
עס גײט דאָס דרײַ-אונ-פערציקסטע אַרײַנ אינ שלאכט
אנ אָנטײלנעמער זײַנ אונ זײַנ אנ אײדעס
פונ זיג איבער דער פינצטערניש אפּ דר׳ערד,
פונ ליבע אונ געוואגטקײַט אומגעהערטער,
פונ דער גערעכטער שטראָפנדיקער שווערד,
וואָס ס׳טראָגנ שטאָלצ פונ פֿאָלק די זינ אונ טעכטער.
זײַנ אָנקומ זײַנ זאָל זיבנ מאָל געבענטשט,
זאָל מיטנ אָנגריפּ אפנ פײַנט באגעגנט זײַנ דאָס נײַ-יאָר
אינ נאָמענ פונ דער צוקונפט אונ דעמ מענטש,
אינ נאָמענ פונ זײַנ בלוט-באצאָלטער פרײַהײַט!

——— ★✦★ ———

## א יאָמטעוו זײַנ וועט אויכ אפּ אונדזער גאס

ער שמעלצט אינ פײַער זיכ פונ מוט אונ צאָרנ.
ער צײַטיקט גרײַפנדיק אינ פלאמ פונ האס.
אונ אופגײנ וועט ער מיט געשאל פונ האָרנ,
קאיאָריק בלענדנדיק אפּ אונדזער גאס.

די טעג אינ אונטערוועגס, די נעכט אינ גראָבנס,
די וועגנ פײַערדיקע — פּאס נאָכ פּאס —
צעבליִענ וועלנ זיכ מיט זיסע גאָבנ
אינ יאָמטעוו ליכטיקנ אפּ אונדזער גאס.

זײַנ טראָט האָט דורכגעהילכט אינ וואָרט פונ פּירער,
זײַנ אָטעמ דורכגעהויכט האָט עכט אונ הארט:
קײנ שפּאנ קײנ אײנציקנ אינ שלאכט פארלירנ,
דעמ פײַנט ניט אָפּטרעטנ קײנ טראָט אינ שלאכט!

געליבטע ווארטנ אינ געפּאנג פארשפּארטע,
אונ קינדער הײמלאָזע — פארצערט אונ בלאס;
דורכ ניט געוועזענע, דורכ הײסע שלאכטנ
ער גײט אונ נענטערט זיכ צו אונדזער גאס.

ער איז אינ ווידערשטאגד צומ סוינעס רײענ,
אינ שטאנדהאפט שטאָלענער בא יעדער לאסט;
דורכ ראנד געפעסטיקטנ אינ די טראנשײענ
ז׳דער קירצסטער וועג זײַנער צו אונדזער גאס.

עס פרעגנ װינטנ זיכ, עס פרעגנ שנײען,
דער שאָרכ פונ בלעטער-פאַל אינ קלאַנג געפּאַסט:
— װאָס האָסטו אופגעטאָנ דאָ, רױטאַרמײער,
אַפ אימ דערנענטערנ צו אונדזער גאַס?

מיר װעלנ אױסקעמפנ מיט מוט אונ װײ אימ,
אַז ניט פאַרגײנ זאָל ער, דער זיסער גאַסט.
דערװײַל צעבליט ער זיכ אַפ באַטאַרײען,
ביז ער װעט אָנקומענ אַפ אונדזער גאַס!

א װעג אימ אױסבעטנ אַפ אַלע ראַנדנ
מיט שאַרבנס פײַנטלעכע, מיט פײַנטס געבײנ,
אונ שלאָגנ מוטיק זיכ פאַר יעדנ שפּאַנ דאָ,
אונ אױסשטײנ פּאָטערלעכ א יעדנ שטײנ!

ביז לעצטער קױל — אָנ שרעק, אָנ אײמע,
ביז גרונט פאַרניכטנ דאָס צעראַס.
עס װאַרטנ מאַמעס אינ די טריבע הײמענ
זײַנ הײסנ אָטעמ אַפ אונדזער גאַס.

ס'צעבליִענ האָפענונגענ הינטער גראַטעס
פונ די פאַרטריבענע אַפ װײ אונ יאָכ.
דעמ פּירערס װאָרט — אינ יעדנ בלאַט איז,
אינ יעדנ שנײעלע, אינ יעדנ שאָרכ:

פונ ערד װײַסרוסישער ביז קרימער שװעל דאָרט,
פאַרבראָכענע פונ װײ אונ לאַסט,
דערװאַרטנ װײַנגערטנער אונ טריבע פעלדער
זײַנ זיגרײַכ אָנקומענ אַפ אונדזער גאַס.

ער שמעלצט אינ פײַער זיכ פונ מוט אונ צאָרנ.
ער צײַטיקט גרײַפנדיק אינ פלאַמ פונ האַס.
אונ אופגײנ װעט ער מיט געשאַל פונ האָרנ,
קאַיאָריק בלענדנדיק אַפ אונדזער גאַס.

